no. 138.
1994.
PERIODICALS ROOM
307 Butler Library
Columbia University
New York N Y 10027

# די גאָלדענע קייט

צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 138

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ-ישראל
1994

ק. צעטניק / תל־אביב

# פֿאַרבאָרגענער ניגון

## (פֿופֿציקסטער יאָרצײַט)

### א

ער האָט געשפּאַנט אינעם ענגן שטיבל, פֿון וואַנט צו וואַנט, ווי אַ געפֿאַנגענער אין אַ שטײַג. ער האָט געפֿילט ווי גלײַך אַ קבֿר איבער אים פֿאַרמאַכט זיך, געבליבן בלויז אַ שפּאַרע. נאָך אַ ווײַלע — און ער וועט שוין בלײַבן אין דער פֿאַרמאַכטער גרוב. ס'איז דער טויט. וואָס איז צו טאָן? וווּאַהין אַנטלויפֿן?

די פֿרוי אין אַ ווינקל פֿון צימער, אויף אַ שטרויזאַק, איז אַרײַנגעטאָן אין די זעלבע מחשבֿות, בלויז די פֿאַרשאָלטענע ראַציאָנעלקייט — זאָגט זי — געוועלטיקט איבער איר. אַפֿילו איצט, אין די מטורפֿדיקע טעג, איז שולט אין איר די לאָגיק, דער פֿאַרשטאַנד, און דאָס באַשטימט אירע החלטות, אין סתּירה צו איר געליבטן, וואָס קען זיך נישט צוהערן צו קיין עצות פֿון אַ נאָרמאַלן שׂכל, בשעת די יסודות פֿון מענטש און וועלט ברעכן זיך אײַן.

— ווידער און ווידער האָבן מיר זיך איבערצײַגט — טענהט ער צו איר — אַז אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר אין אָט דעם גיהנום איז אַקוראַט קאַפּויער פֿון שׂכל און לאָגיק. די ערשטע קרבנות זענען געווען דווקא יענע, וואָס האָבן זיך נוהג געווען לויט די כּללים פֿון אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד. דווקא די קלוגע זענען געווען פֿון די ערשטע וואָס מ'האָט זיי געשיקט קיין אוישוויץ.

זי אָבער, אין איר ווינקל, טענהט ווי צו זיך אַליין:

— דווקא איצט, נאָך קנאַפּע דרײַ יאָר אין געטאָ, דווקא איצט, ווען מיר האַלטן שוין בײַם סוף פֿון דער מלחמה, זאָל איך באַשליסן צו טאָן אַ זאַך, וואָס איז פּונקט דעם היפּוך פֿון דעם וואָס מײַן שׂכל זאָגט מיר אונטער? אמת, דו ביסט גערעכט: אַלע די וואָס האָבן זיך געפֿירט לויט די אָנגענומענע כּללים פֿון פֿאַרשטאַנד, זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט די טראַנספּאָרטן. אָבער נעמען אויף זיך אַזאַ סכּנה דווקא איצט, ווען אַלץ הענגט אויף אַ האָר, זיך אַרויסגנבֿענען בײַ נאַכט פֿון געטאָ, כּדי צו דערגיין ביז צו דער גרענעץ, קיין אויסלאַנד? ניין! מײַן שׂכל זאָגט: ניין! אַפֿילו עס וועט אונדז געראָטן זיך אַרויסצושמוגלען פֿון געטאָ, וואָס דערוואַרט אונדז מחוץ דער געטאָ? יעדער וועט טײַטלען אויף אונדז מיטן פֿינגער: דאָס איז אַ ייִד! יעדער שטיין וועט אונדז פֿאַרמסרן, ווײַל אַלץ אין דרויסן ווערט שפּיאָנירט פֿון אָן אַ שיעור ייִדן־כאַפּערס.

— און דאָ, אין געטאָ? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך ווייס וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָ, אין געטאָ — האָט זי ביטער געזאָגט — איך מאַך מיר קיין שום אילוזיעס נישט. דאָ אָבער איז מעגלעך, יעדער רגע, מע זאָל אונדז מודיע זײַן, אַז עס זענען אָנגעקומען דאָקומענטן פֿאַר דײַן אויסלענדישער בירגערשאַפֿט, און דעמאָלט ביסטו אַ געראַטעוועטער. ווי אַזוי זאָלן מיר אַליין מוותּר זײַן אויפֿן איינציקן שאַנס צו לעבן, מיטן אייגענעם ווילן אַרויסגיין צו אַ זיכערן טויט, אַנטלויפֿן פֿון פֿישערס נעץ צו דעם גליִענדיקן זאַמד?

אָט דער שמועס צווישן די צוויי געליבטע איז פֿאָרגעקומען אום שבת. ער האָט געוואָלט איר הסכּמה, זיי זאָלן הײַנטיקע נאַכט אַרויס פֿון געטאָ. זי אָבער, ווי אַ זיך־טרינקענדיקע, וואָס כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, האָט געבעטן איבערצוּוואַרטן כאָטש ביז איבער זונטאָג, ווײַל זונטאָג קומען ממילא נישט פֿאָר קיין אַקציעס, זונטאָג רוט דער מלאך־המוות. דערקעגן איז די פּאָסט אין יודענראַט אָפֿן אויך זונטאָג. ווער ווייס? אפֿשר וועט אָט דער זונטאָג ברענגען די גאולה?

ער האָט זיך געביסן די ליפּן און האָט געשוויגן. זי האָט אים געפּרוּווט איבערצײַגן מיט לאָגישע אַרגומענטן, אַז אין דער הײַנטיקער נאַכט און דעם מאָרגנדיקן טאָג איז נישטאָ די מינדסטע סכּנה. אַפֿילו אַ קינד אין געטאָ ווייס, אַז זונטאָג דאַרף מען נישט ליגן פֿאַרשטעקט אין פֿינצטערן בונקער. און עס לייגט זיך בכלל נישט אויפֿן שׂכל, אַז זיי וועלן איצט דורכפֿירן אַן אַקציע, ווײַל אַפֿילו לויט זייער מטורפֿדיקער לאָגיק, וועלן דאָך די דײַטשן איצט נישט פֿאַרמאַכן אַזאַ וויכטיקע פֿאַבריק אין געטאָ און אַוועקשיקן די אַרבעטער קיין אוישוויץ, ווען מע גרייט צו די האַרבסט־מונדירן פֿאַר די מיזרח־אַרמייען. די סקלאַדן זענען פֿול מיט סחורה צו פֿאַרענדיקן און אויף די רעלסן וואַרטן די וואַגאָנען מיט רוי־מאַטעריאַל, מע זאָל זיי אויסלאָדענען. פֿאַרשטייט זיך אַז נאָך דעם ווי מיר וועלן פֿאַרענדיקן די אַרבעט, וועלן זיי אונדז אַלע אומברענגען. אָבער כּל־זמן זיי נייטיקן זיך אין אַרבעטער, וועלן זיי אונדז האַלטן. און מער ווילן מיר דאָך נישט, ווי געווינען צײַט. איבערקומען נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ שעה. אפֿשר וועלן מיר זיך פּלוצעם דערוויסן, אַז די אַרמיי האָט איבערגענומען די מאַכט, ווי מע שמועסט אין געטאָ. דאָס קען דאָך פֿאָרקומען אין אַזעלכע גורלדיקע שעהען!

ווען זי ציטערט נישט אַזוי אויפֿן לעבן פֿון איר געליבטן, וואָלט זי אײַנגעשטעלט און זיך נישט גערעכנט מיט דער סכּנה אַרויסצוגיין פֿון געטאָ. נאָר דערפֿאַר ווײַל זי איז שטענדיק אין זאָרג אים צו באַשיצן און באַהיטן, בעט זי אים על־כּל־פּנים צו בלײַבן אין געטאָ ביז מאָרגן בײַ נאַכט.

ער האָט זיך ווײַטער געביסן די ליפּן און האָט געשוויגן.

ב

שבתע־נאַכטס, נאָך צוועלף אַ זייגער, איז אויסגעפֿאַלן זײַן ריי צו שטיין צוויי שעה אויף דער וואַך. אַ פֿאַרזונקענער אין מחשבֿות האָט ער געשפּאַנט צווישן די ליידיקע געסלעך. ער איז דערגאַנגען ביז צום לאַנגן וועג, וואָס צעטיילט די געטאָ. פֿון ביידע זײַטן וועג זענען אויסגעשיט די הײַזקע־לעכער פֿון געטאָ, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טאָל פֿון מצורעים. נאָך צוויי שעה אַרומשפּאַנען, אַז ס׳איז קיינער נישט געקומען אים פֿאַרבײַטן, איז ער בלית־ברירה געבליבן אויף דער וואַך נאָך צוויי שעה.

די נאַכט האָט אים פֿאַנטאַסמאַגאָריש אַרומגעהילט. אַ פֿאַרשפּינטער אין מחשבֿות, איז ער דערגאַנגען ביז צו דעם פּוסטן אָרט פֿון הויכן געטאָבאַרג. די געלע פֿעלדזנלעכער האָבן צו אים געקוקט פֿון דער טונקלעניש, ווי אויגן פֿון גיגאַנטן, באַהאַלטענע אין מיסטעריעזע הייל.

כּדי צו פֿאַרטרײַבן פֿון זיך די טרויעריקע געדאַנקען, וואָס זויגן דעם מאַרך פֿון זײַנע ביינער, האָט ער גענומען קלעטערן אויפֿן באַרג. פּלוצלינג האָט צו אים עפּעס אַ פֿינקל געטאָן פֿון צווישן די פֿעלדזנלעכער. תּחילת האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס זיצט דאָרטן עמעצער און רייכערט אַ פּאַפּיראָס. נאָר אַז ער האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק, האָט ער געזען אַז ס׳איז נישט קיין פֿונק, נאָר גיכער אַ פֿלעמל פֿון אַ ליכט. איז עס מעגלעך אַז דאָרטן וווינט אַ היילמענטש, פֿון וועלכן קיינער ווייס נישט? פּאַמעלעך האָט ער זיך דערנענטערט צו דעם ליכט. בעתן קלעטערן, איז צו זײַנע אויערן דערגאַנגען אַ מאָדנער ניגון. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט, איז אַלץ קלאָרער געוואָרן דער האַרץ־נאַגנדיקער בענקשאַפֿט־ניגון, שטיל־פֿאַליענדיק ביז כּלות־הנפֿש, דער ניגון וואָס ציט זיך צו די נאַכטיקע געטאָ־הימלען.

נשתּוממדיק איז ער געבליבן שטיין. צי האָט אים די נאַכט פֿאַרכּישופֿט? צי איז זײַן דמיון פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַן אַקוסטישן מיראַזש? ניין! צו זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן, צו זײַן אַבסאָלוט מוזיקאַליש געהער דערגייען קלאָר די קלאַנגען, די מאָדנע־ווונדערלעכע מאָטיוון, ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון אַן אַנדער וועלט. זיי ציִען זיך פֿון אַ שורש, וואָס ס׳איז אין אים נישטאָ קיין מיזרחדיקס, נישט קיין ציגײַנערישס, נישט קיין פּאַסטעך־פֿלייט. זיי ציִען זיך צו אים, די מאָדנע־ווונדערלעכע קלאַנגען, ווי פֿון אַן אַנדער וועלט, זיי ציִען זיך צו אים מיט אַן אויסגייענדיקער בענקשאַפֿט, ביז האַרץ־פֿאַרקלעמעניש. דער ניגון שוועבט אין דער נאַכט מיט אַ טיף־שטילן כּישוף, אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ באַהאַלטענעם מקור, וואָס געפֿינט זיך אויף דער אַנדערער זײַט פֿון לעבן.

ער האָט זיך ביסלעכווײַז דערנענטערט און איז געבליבן שטיין פֿאַר אַ באַראַק פֿון ברעטער. דורך אַ שפּאַרונע האָט צו אים אַרויסגעפֿינקלט דאָס ליכט. פֿון דאָרטן איז אויך געקומען דער ניגון. ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט דורך דער שפּאַרונע, האָט זיך פֿאַר זײַנע אויגן אַנטפּלעקט אַ ווונדערלעך בילד, וואָס האָט אים נישט ווינציקער פֿאַרכּישופֿט ווי דער ניגון.

אַרום אַ לאַנגן טיש האָט ער געזען זיצן בחורים, אײַנגעהילטע אין טליתים, מיט לאַנגע געקרײַזלטע פּאות ביז די אַקסלען, מיט לײַכטנדיקע פּנימער אין אָפּשײַן פֿון די ברענענדיקע ליכט. אויבנאָן, בײַם טיש — אַ שוואַרץ־באַבערדיקטער יונגער־מאַן. אַ הויכער שטערן איבער אַ לענגלעך געשניצט פּנים, אַ שאַרפֿע, אָדלערדיקע נאָז, אויגן, ווי ברענענדיקע קוילן. לעבן אים, בײַ דער וואַנט, אין אַ הילצערנעם קאַסטן — אַ ספֿר־תּורה.

די ווונדערלעכע חבֿרותא שאָקלט זיך מיט התלהבֿות איבער די אָפֿענע ספֿרים וואָס ליגן פֿאַר זיי. דער יונגער־מאַן אויבנאָן הייבט אָן מיט אַ ניגון, וואָס קומט אַרויס פֿון זײַן מויל ווי אַ טיף־קלינגענדיקע שאלה, אַ פֿאַרחידושטע שאלה איבער די פֿאַרבאָרגענע וועגן פֿון דער וועלט. דער ניגון פֿרעגט זיך איבער מיט דער צווייטער זײַט, מיט דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט:

— איזהו מקומן של זבחים?... אוי... אוי...

און די חבֿרותא ענטפֿערט מיט אַ ניגון ווי אַ פֿלאַמיקע, דבֿקותדיקע תשובֿה, וואָס קומט פֿון אַ פֿאַרבאָרגעניש, ווי אַ בת־קול פֿון היכל־הנשמות:

— קדשי־הקדשים... אײַ... אײַ...

דער יונגער־מאַן אויבנאָן שאָקלט התלהבֿותדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מצדיק געווען דעם דין און איז מקבל די יסורים באַהבֿה. שטורעמט איצט דער ניגון אין דער טיפֿער שטילקייט, רײַסט זיך און גייט אויס אין די הייכן מיטן אַן אויפֿברויז פֿון אָפּפֿרעגנדיקן צידוק־הדין:

— שחיטתן בצפֿון?...האַ?...האַ...

און די חבֿרותא, אַלע אין איינעם, ענטפֿערט מיט אַ שטיל־שטורמישן, טיף־טרויעריקן ניגון, וואָס ס'איז אים אין פֿאַראַן פֿאַרשטענדעניש און חידוש, פֿאַלן און הייבן זיך, פֿאַליעס־פֿאַליעס, צום ברעג פֿון אייביקן רעש אין דער שטילקייט:

— קדשים קלים שחיטתן בכל מקום... בכל מקום...

— אײַ־אײַ... שחיטתן בכל מקום? — ציט דער ייִנגסטער צווישן אַלע, כּמעט אַ ייִנגל, מיט אַ צאַרט פּנים, אָן אַ חתימת־זקן — אײַ...אײַ, שחיטתן בכל מקום? בכל מקום?

ווער זענען זיי? פֿון וואַנען האָבן זיי זיך אַהער גענומען? ער האָט געקוקט דורך דער שפּאַרונע, געגאַפּט און נישט געגלייבט זײַנע אויגן. ווער זענען זיי? ווו זענען זיי געווען בשעת אַלע געשטאַפּאָ־ציילונגען, בשעת אַלע אַקציעס, גירושים און טראַנספּאָרטן? אין וועלכע דײַטשע שאָפּן אַרבעטן זיי? וואָס פֿאַר אַ מין דײַטשע אויסווייַז־דאָקומענטן פֿאַרמאָגן זיי? צי געפֿינען זיך זייערע נעמען אויף די ייִדן־רשימות פֿון יודענראַט?

דער פּלוצעמדיקער רעש פֿון אַ מיליטער־מאָטאָציקל האָט אים איבערגעריסן די געדאַנקען. ראַפּטעם האָט ער גענומען לויפֿן צום עק פֿון באַרג און פֿון דאָרטן האָט ער דערזען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס זײַן האַרץ האָט אים פֿאָרויסגעזאָגט: אויפֿן האָריזאָנט פֿון אַשיקן פֿרימאָרגן, האָט זיך געצייכנט דער סילועט פֿון אָנלויפֿנדיקן עס־עס־פֿאַרפּאָסטן אויפֿן מאָטאָציקל, דער אָנזאָגער פֿון אַ יודען־ריין־אַקציע אין געטאָ.

ווי אַ געיאָגטער פֿון אַ קוילן־שיסערײַ, איז ער אַראָפּגעלאָפֿן צו דער געטאָ, וואָס איז נאָך געלעגן פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף. לענג־אויס דעם וועג האָט ער געוועקט די שלאָפֿנדיקע, ביז ער איז דערלאָפֿן צו זײַן שטיבל.

ער איז געבליבן שטיין לעבן שטרויזאַק, אויף וועלכן ס'איז געשלאָפֿן זײַן געליבטע, געקוקט אויף איר ריין־געלײַטערטן פּנים. איטלעכע מינוט איז טײַער. דער טויט איז אַרײַן אין געטאָ. אין אַ ווײַלע אַרום וועט ער זיך אַהער אַרײַנרײַסן. אפֿשר איז איצט שוין די לעצטע רגע? ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זי לײַכט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, זי געגלעטט:

— טײַערע, טײַערינקע, שטיי אויף, כאַפּ אויף זיך דאָס קליידל, לאָמיר לויפֿן אין בונקער...

זי איז אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענע, מיט אויפֿגעריסענע אויגן:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָרנישט, ליבינקע, כאַפּ אויף זיך עפּעס און לאָמיר לויפֿן אין בונקער.

דער בונקער זייערער איז געווען אין אַ דערבײַיִקער הײַזקע: אַן אויסגעגראָבענע גרוב, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן אַ שאַפֿע מיט טעפּ און קיך־כּלים. זיי האָבן קוים באַוויזן אַרויסצולויפֿן פֿון שטיבל, ווען ס׳האָט שוין פֿון דרויסן געדונערט אַן אימהדיקע שיסערײַ. יעדער זאַלפּ האָט אָנגעזאָגט טויט פֿאַר דעם וואָס וועט פּרוּוון זיך אַרויסקריגן פֿון זײַן הײַזקע און לויפֿן זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ מויזנלאָך.

די געטאָ איז געווען באַלעגערט אַרום און אַרום. ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ חורבן אין אַ זונטאָג־פֿרימאָרגן?

ס׳לעצטע מאָל וואָס זיי זענען געווען צוזאַמען...

---

דער ייִדישער פֿילאָלאָג חיים גינינגער איז דעם 10טן מײַ 1994 געשטאָרבן אין מאָנטעפֿיאָרע־שפּיטאָל, בראָנקס, ניו־יאָרק.

חיים גינינגער איז אין די יאָרן פֿאַרן חורבן און באַלד נאָכן חורבן געווען די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין ייִדישן קולטור־לעבן פֿון טשערנאָוויץ.
בוקאוויט... צמח

[illegible] באַווײַזן
[illegible] אַן אימהדיקע שיסערײַ.
יעדער זאַלפּ האָט [illegible] פֿאַר דעם וואָס וועט פּרווון זיך אַרויסקריגן פֿון זײַן
הײַזקע און לויפֿן זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ מויזנלאָך.
די געטאָ איז געווען באַלעגערט אַרום און אַרום. ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן
אויף אַזאַ חורבן אין אַ זונטאָג־פֿרימאָרגן?
ס׳לעצטע מאָל וואָס זיי זענען געווען צוזאַמען...

דער ייִדישער פֿילאָלאָג חיים גינינגער איז דעם 10טן מײַ 1994 געשטאָרבן אין מאָנטעפֿיאָרע־שפּיטאָל, בראָנקס, ניו־יאָרק.

חיים גינינגער איז אין די יאָרן פֿאַרן חורבן און באַלד נאָכן חורבן געווען די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין ייִדישן קולטור־לעבן פֿון טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. אין די יאָרן 1937־1938, געווען אַן אַספּיראַנט אין דער צמח שבֿד־אַספּיראַנטור פֿון ייִוואָ, ווילנע.

*

דער פּאָעט יאָסל לערנער איז געשטאָרבן אין קרית־אונו, אין עלטער פֿון 84 יאָר.

יאָסל לערנער איז געבוירן געוואָרן אין בריטשען, בעסאַראַביע, אין 1910. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע דערציִונג. געווען אַ לערער פֿון העברעיִש און פֿון ייִדיש. אין 1935 געקומען קיין טשערנאָוויץ. געדרוקט לידער און עסייען וועגן פֿאָלקלאָר אין טשערנאָוויצער בלעטער, די וואָך (בוקאַרעשט, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מ. אַלטמאַן, י. שטערנבערג און ש. ביקל), שויבן (בוקאַרעשט). אין בוכפֿאָרעם איז אַרויס אין 1936 דאָס געזאַנג פֿון הינטערגאַסן, פֿאַרלאַג שלום־עליכם, בוקאַרעשט. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — געלעבט אין טשערנאָוויץ. עולה געווען אין 1972. דאָ אַרויסגעגעבן פֿון כעלעמער פּנקס; י.ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, 1975.